וועטער :
אממייסטן קלאר און ווארים

The Only Jewish
Newspaper in
Western Canada
Established 1910.
Published
DAILY

דאס
אידישע ווארט
THE GATEWAY OF THE WEST
THE ISRAELITE PRESS

זון אויפגאנג — 4.56.
זון אונטערגאנג — 8.12.

די איינציקע אידישע
צייטונג
אין מערב קאנאדע
עטאבלירט אין 1910
דערשיינט
יעדן טאָג

Vol. 20, No. 154. Winnipeg, Monday Aug. 4, 1930. Published daily except Saturday and Sunday. דערשיינט יעדן טאָג חוץ שבת און זונטאָג מאָנטאָג י׳ אב, תר״ץ.

באַמבע געוואָרפן פון קוזיסטן אין אידישער הויז

דאַנילא און זיין באנדע קוזיסטן ארעסטירט,, אָבער זיי געלינגט צו אנטלויפן. — פראנצויזישע האַנט־באַמבעס געפונען אין זייער באגאזש. — פּאָליציי אנטשלאָסן צו פאנגען זיי.

(ספּעציעלע טעלעגראמע צו "דאס אידישע ווארט" פון "איטא")

בוקארעסט, אווג. 4 (איטא). — פון דאַרנאַ, ארום טשערנאָוויץ, מעלדעט מען, אז נעכטן פאַרנאַכט נאָך דריי אזייגער [illegible] געוואָרן אבאַמ־ [illegible] מנחם רובינגער. [illegible] ניט עקספּלאָ־ דירט.

[illegible] דעם באַלד גע־ [illegible] זי האָט געמאַכט [illegible] אנטדעקונג אין איינעם [illegible] וואו א צאָל [illegible] די טרויעריק באַ־ [illegible] פירער דאַנילאַ [illegible] פּאָליציי זוכט [illegible] זיינען געפונ־ [illegible]

[illegible] איבערגעלאָזט איין [illegible] האָטעל וואו דאַ־ [illegible] האָבן זיך געפונען [illegible] זיינען אוועק צו [illegible] אויספאַר־ [illegible] באַמבע, און [illegible] צוריקגעקערט צום האָטעל האָבן זיי געפונען ליידיקע צי־ מערן.

דאַנילאַ, האָט די פּאָליציי אויסגעפונ־ ען, איז צוזאַמען מיט זיין באַנדע, פאַרשוואונדן געוואָרן פון האָטעל. באַנו־ צענדיק זיך מיט דער גוטער געלעגנהייט וואָס בלויז איין פּאָליציסט איז געשטאַ־ נען אויף דער וואַך ארום האָטעל, זיינען זיי אלע פאַרשוואונדן געוואָרן, איבער־ לאָזנדיק זייער באַגאַזש וואָס איז פאַר זיי צו שווער געווען מיטצונעמען.

זוכנדיק אין זייער באַגאַזש, האָט די פּאָליציי געמאַכט נאָך א סענסאַציאָנעלע אנטדעקונג, נעמלאך, זיי האָבן געפונען אין דאַנילאָס באַגאַזש, פראַנצויזישע האַנט־באַמבעס אין בעסטן צושטאַנד.

די געהיים פּאָליציי, איצט אַלאַר־ מירט פון דער דאָזיקער אנטדעקונג, איז עקסטרים אקטיוו צו געפינען דאַנילאַ מיט זיינע אנדערע קוזיסטן, אונטער אלע אומשטענדן.

דער שעף פון דער געהיים פּאָליציי, איגוראַנצאַ, איז אָפּגעפאָרן קיין דאַרנאַ און ער האָט פאַרזיכערט אז ער וועט גע־ פינען דאַנילאַ׳ן מיט זיין באַנדע אין א טאָג צייט.

—(::)—

מאַן אנגעקלאָגט אין קליינער גנבה איז אפשר א גרויסער יורש

סיאַטל, וואַש., אווג. 3. — נאַפּאָלעאָן בושמאַן, א "דזשעניטאָר" ווערט דאָ אנ־ געקלאָגט אין איינברעכן זיך אין אן אַפּאַרטמענט און גנב׳ענען א העמד. ער זיצט שוין דאָ הינטער די גראַטעס פון מאַי 1טן אָן.

אויפ׳ן פּראָצעס די טעג האָט בוש־ מאַנ׳ס אַדוואָקאַט דערקלערט, אז זיין קלי־ ענט איז א יורש פון א פאַרמעגן פון $93,333. די ירושה האָט אים איבערגע־ לאָזן זיין פאָטער׳ וואָס איז געווען א רייכער פאַבריקאַנט פון מאָנטרעאַל, אָבער ער קאָן זי ערשט קריגן נאָוועמבער 25טן.

אידן האָבן געזאָגט קינות בײַ כּותל־מערבי בײַם ליכט פון קליינע בוימל קנייטלאך

(ספּעציעלע טעלעגראמע צו "דאס אידישע ווארט" פון "איטא")

ירושלים׳ אווג. 3 (איטא). — צוליב דעם נייסטן פאַרבאָט אנצוצינדן ליכט ביים כותל־מערבי, און צוליב דעם וואָס אלע לאָמפּן זיינען פון דאָרטן אוועקגענו־ מען געוואָרן, זיינען די אידן געצוואונגען געווען צו זאָגן קינות כמעט אין דער פינ־ סטער ביי דער ליכט פון קליינע בוימל־ קנייטלאך זיצנדיק אויף שטיינער. די מייסטע אידן האָבן זיך געמוזט אנ־ שטריינגען צו־הערן קינות זאָגן, ווייל זיי האָבן ניט געקאָנט נאָכזאָגן אין דער פינסטער.

די מייסטע אידן ביים כותל מעריב זיי־ נען געווען אָרטאָדאָקסישע, וועלכע זיי־ נען געזעסן אויף נאַקעטע שטיינער אין זאָקן. אויך א טייל יוגנט איז אנוועזנד געווען.

בריטישע פּאָליציסטן האָבן אכטונג גע־ געבן אויף דער אָרדענונג ווען די אידן זיינען צום כותל מערבי געגאַנגען און אלצדינג איז דורכגעגאַנגען אין דער בעס־ טער אָרדענונג.

דער אידישער קוואַרטאַל אין דער אלטער שטאָט איז שבת אוונט פאַרבליבן אין דער פינסטער, ווייל די קראָמען זיי־ נען ניט אויפגעעפנט געוואָרן צוליב תשעה באב. אלע מאָווי הייזער און רע־ סטאָראַנען זיינען געווען פאַרמאַכט צו־ ליב דעם ערשטן יאָרצייט ווען די אומ־ רוען האָבן זיך אנגעפאַנגען לעצטן יאָר.

—(::)—

ענדגילטיקע ציילונג גיט קאָנסערוואַטיוון א ריינע מערהייט פון 34

טאָראָנטאָ, אנט., אווג. 2. — לויט׳ן [illegible] פון די פעדעראַלע [illegible] פון "קענעדיען [illegible] קאָנסערוואַטיוון האָבן [illegible] דעפּוטאַטן, — א [illegible] איבער אלע אנדערע [illegible]

[illegible] לויט די פּראָ־ [illegible] פאָלגנדיקע :

[illegible], 4 דעפּ. : קאַנס., [illegible]

[illegible] 14 דעפּ. : קאַנס., [illegible]

[illegible] דעפּ. : קאַנס., 10; [illegible]

[illegible] דעפּוטאַטן : קאַנס., 26; ליב., 38; אומאָפּהענגיקע, 1.

אנטעריאָ, 82 דעפּ. : קאַנס., 59; ליב., 22; יונ. פאַרמערס, 1.

מאַניטאָבאַ, 17 דעפּ. : קאַנס., 11; ליב., 1; ליב.־פּראָגרעסיוו, 3; אַרב., 2.

סאַסקעטשעוואַן, 21 דעפּ. : קאַנס., 8; ליב., 11; פּראָגרעסיוון, 2.

אַלבערטאַ, 16 דעפּ. : קאַנס., 4; ליב. 3; יונייט. פאַרמערס, 9.

בריטיש קאָלומביאַ, 14 דעפּ. : קאַנס., 7; ליב., 5; אַרב., 1; אומאָפּ., 1.

סך־הכל : קאָנסערוואַטיוון, 139; ליבעראַלן, 86; יונ. פאַרמערס, 10; פּראָגרעסיוון, 2; ליבעראַל־פּראָגרעסיוון, 3; אַרבעטער3; אומאָפּהענגיקע, 2.

—(::)—

ריזיקע ירושה פון מערקווירדיקער מיליאָנערסקער ווענדעל פאַמיליע, פון ניו־יאָרק, וועט איבערגעגעבן ווערן צו צדקה אינסטיטוציעס

ניו־יאָרק, אווג. 3. — ווען די צוואה [illegible] ווענדעל־סוואָפּ איז [illegible] מען אויסגעפונען, [illegible] פאַר צדקה דעם רײַ־ [illegible] ווענדעל פאַמי־ [illegible] שוועסטער עלא, [illegible] יאָר אַלט׳ וועט [illegible] לעצטע פון דער [illegible]

[illegible] פאַמיליע באַ־ [illegible] "ריל עסטייט" אין ניו־יאָרק, [illegible] 100 מיליאָן דאָ־ [illegible]

[illegible] פאַרמעגן איז גע־ [illegible] פוטערוואַרג הענד־ [illegible] פון די ערשטע [illegible] געשטאַרבן, האָט [illegible] זיבן אייניקלאַך, [illegible] און איין ברודער. [illegible] דערלויבט די [illegible] האָבן, באַהויפּטנ־ [illegible] ניט גענוג גוט [illegible] שטאַרבענע מרס. [illegible] איינציקע, וואָס [illegible]

[illegible] טער, דזשאָרדזשי־ [illegible] דערעסן דאָס לע־ [illegible] אָפּגעשאָפּט, איז [illegible] יאָר צוריק אנט־ [illegible] און האָט זיך אנ־ [illegible] עטלאַכע פלעצער און [illegible] זי איז געקומען [illegible] דער זי דערקלערט [illegible] זי אָפּגעשיקט אין [illegible] איז אָבער געלונגען [illegible] זי האָט דערנאָך [illegible] פופציק טויזנט דאָ־ [illegible] סוף האָט זי זיך [illegible] האָט צוריקגעקערט [illegible] היים, אויפ׳ן ראָג [illegible] 39טער סטריט. [illegible] איר לעבן מיט [illegible] אין פאַרשלאָסנ־ [illegible] זי איז געשטאַר־ [illegible]

[illegible] געלעבט אן איינ־ [illegible] אין דער אלטער [illegible] וויזנדיק זיך אין [illegible] איז איצט פאַר־ [illegible] 80־יאָריקע עלא. [illegible] אין שוואַרצע סאַ־ [illegible] זי אליין, לויט [illegible] צוריק. זי גייט [illegible] פון הויז׳ אויסער צו כאַפּן א שפּאַציר מיט איר הינטל אין איר פאַרמאַכטן הויף.

מיט איר טויט וועט זיך אויסלעשן די פאַמיליע ווענדעל, און דאָס ריזיקע פאַר־ מעגן אין "ריל עסטייט", מיט וועלכן די פאַמיליע האָט זיך קיינמאָל ניט געוואָלט צעשיידן׳ וועט איבערגעגעבן ווערן פאַר צדקה אינסטיטוציעס.

—(::)—

קינד געטויטעט אין רעדזשיינא

רעדזשיינאַ, סאַסק., אווג. 4. — קאַטע־ רין ען, צוויי יאָר און דריי מאָנאַטן אַלט׳ דאָס איינציק קינד פון וו. א. וועלבאַנד, רעדזשיינאַ, איז נעכטן מאָמענטאַל דער־ הרג׳עט געוואָרן ווען זי איז איבערגע־ פאָרן געוואָרן פון אן אויטאָמאָביל גע־ טריבן פון וו. ג. רוני, פון מילסטאָן, סאַסק. דער עקסידענט איז פאָרגעקומען ווען דאָס מיידעלע האָט געמאַכט א פאַר־ זוך איבערצולויפן די גאַס.

מר. רוני איז צוגענומען געוואָרן פון דעם פּלאַץ פונ׳ם עקסידענט א צוזאַמענ־ געבראָכענער.

—(::)—

פּרייריס האָבן געהאַט הייסטן טאָג לעצטן פרייטאָג

די פּרייערי פּראָווינצן האָבן געהאַט א פרייע שוויץ־באָד לעצטן פרייטאָג, מיט א טעמפּעראַטור וואָס האָט זיך אין איי־ ניקע פּונקטן אויפגעהויבן איבער 100 גראַד אין שאָטן.

וויניפּעג איז אָפּגעקומען גאַנץ לייכט, מיט 90 גראַד אין די הייסטע שעה׳ן פון טאָג. אינדיאַן־העד׳ סאַסק., האָט זיך אָבער אויסגעפיינט מיט 102, און רע־ דזשיינע, בראַדוויו און עסטעוואַן האָבן זיך געבראָטן אין א טעמפּעראַטור פון 101.

אַלבערטאַ האָט אויך אן ענלאַכן אופן געשוויצט, און טעמפּעראַטורן צווישן 90 און הונדערט זיינען דאָרטן געווען א געוויינלאַכע זאַך.

—(:־:)—

דאַקטאָר באַלוינט פאַר זאָנדערבאַרער אָפּעראַציע

לאָס אנדזשעלעס, קאַל., אווג. 4. — א פּשוט׳ער קיך־מעסער, א פּאָר צוויינג־ לאַך געבאָרגט פון א סטאָליער, א פלע־ שעל האָלאַנדער דזשין, און א נאָדל און פּאָדים, האָט געראַטעוועט דאָס לעבן פון א ים־מענטשן וועלכער איז קראַנק געוואָרן אויף אַפּענדיסיטיס, און דר. דייוויד ר. ראַבינס, א כירורג פון לאָס־אנדזשעלעס, האָט דורכגעפירט די נויטיקע אָפּעראַ־ ציע און ער איז דערפאַר באַלוינט גע־ וואָרן מיט א גרויסער זילבענער "לאַווינג קאַפּ" פון דער פּלאַנעט סטימשיפּ קאָמ־ פּאַני.

מיט ארום א יאָר צוריק איז דר. ראַ־ בינס מיט זיין פרוי אָפּגעפאָרן פון לאָס־ אנדזשעלעס אויף דער שיף "נאָרדערדייק" קיין דייטשלאַנד וואוהין ער איז געפאָרן צו שטודירן אויף א יאָר צייט, איבער־ לאָזנדיק זיינע אינסטרומענטן אין זיין היים, ווייל ער האָט געוואָלט קויפן נייע אינסטרומענטן אין דייטשלאַנד.

פאָרנדיק אויף דער שיף אין מיטן ים, איז אנגעקומען א באַריכט פון א צווייטער שיף "קאַרוואַוס", אז הענרי ל. לאָהס, א מאַטראָס, 21 יאָר אַלט איז געוואָרן קראַנק אויף אַפּענדיסיטיס. די "נודערדייק" האָט זיך באַלד געלאָזט שווימען צו דער "קאַרוואַוס" און דער מאַטראָס איז טראַנספּערירט געוואָרן צו דער שיף וואו דער דאַקטאָר האָט זיך געפונען.

ניט האָבנדיק קיין אינסטרומענטן, און באַגרייפנדיק די געפאַר פון דעם מאַט־ ראָס, האָט דר. ראַבינס גענומען א קיך מעסער און ער האָט אויפגעשניטן דעם נויטיקן פּלאַץ אין דעם מאַטראָס קער־ פּער און ער האָט מיט א קאָרקענציער צווינגל ארויסגעצויגן דעם אַפּענדיק און ער האָט פאַרנייט די וואונד מיט א פּשוט׳ער נאָדל און פּאָדים וואָס ער האָט גענומען ביי זיין פרוי. אלס א דיזינפעק־ ציע מיטל האָט ער באַנוצט האָלאַנדער דזשין. דער מאַטראָס איז אין עטלאַכע טעג ארום געזונט געוואָרן און ער איז געראַטעוועט געוואָרן פון א זיכערן טויט. ווייל ער האָט זיך באַנוצט מיט אזעלכע אינסטרומענטן האָט ער זיך אָפּגעזאָגט צו נעמען געלט פאַר דער אָפּעראַציע ווייל ער האָט געגלייבט אז די אָפּעראַציע וועט זיין ניט געלונגען.

איצט, א יאָר נאָך דער אָפּעראַציע, ווען דער מאַטראָס איז פולשטענדיק גע־ זונט האָט די שיף קאָמפּאַני ניט פאַרגע־ סען צו באַלוינען דעם דאַקטאָר פאַר זיין זעלטענער גוטער טאַט.

—(:־:)—

500 נפשות אומגעקומען אין ערד ציטערניש ביים קאַספּישן ים

לאָנדאָן, אווג. 4. — א דעפּעשע פון ריגע צו דער "מאָרנינג פּאָסט" מעלדעט, אז א שטאַרקע ערד ציטערניש האָט אויפגעטרייסלט די שטעטלאַך טשאַפּאַי־ עוואַ און ווירטסקי ביים קאַספּישן ים וואו 500 נפשות זיינען אומגעקומען און פיר הונדערט זיינען פאַרוואונדעט גע־ וואָרן. די שטעטלאַך זיינען אינגאַנצן חרוב געוואָרן.

די קערפּערס פון 30 קינדער זיינען געפונען געוואָרן אונטער די חורבות פון א קינדער היים וואָס איז אינגאַנצן פאַר־ ניכטעט געוואָרן.

די אוראַלער טייך, לויטעט דער באַ־ ריכט, האָט פאַרפלייצט די ארומיקע שטעטלאַך.

—(::)—

פּרייערי פּולס האָבן ניט פאַרלאָרן קיין געלט, ווערט באַריכטעט

טאָראָנטאָ, אווג. 2. — א דעפּעשע צו דער היגער "מייל און עמפּייר" פון אָטאַ־ וואַ באַריכטעט, אז די רעגירונג האָט באַ־ קומען פון וויניפּעגער הויפּט־קוואַרטיר פונ׳ם ווייץ־פּול דעם גוטן באַריכט׳ אז דער ווייץ־פּול האָט דאָס יאָר קיין געלט ניט פאַרלאָרן, ניט געקוקט אויף די גע־ פאַלענע פּרייזן.

דער ווייץ־פּול האָט לעצטן הארבסט געצאָלט די פאַרמערס א דאָלאַר א בושל ווייץ, ווי די ערשטע־צאָלונג. ווען ווייץ־ פּרייזן האָבן אנגעהויבן פאַלן און ס׳איז געוואָרן א געפאַר, אז דער ווייץ־פּול וועט פאַרלירן געלט, האָט מען זיך אנגעהויבן זאָרגן׳ די ביינק זאָלן ניט אנהויבן דריקן דעם פּול פאַר די הלוואות און אזוי צווינ־ גען אים אויספאַרקויפן זיין ווייץ אויפ׳ן נידעריקסטן מאַרק. די דריי פּרייערי רעגי־ רונגען האָבן זיך דאַן באַראַטן צוזאַמען, און האָבן באַשלאָסן צו גאַראַנטירן די בענק די פּול הלוואות, וואָס זיי האָבן גלייך דורכגעפירט.

איצט קומט אן די דערפרייענדיקע בשורה, אז דער פּול האָט קיין געלט ניט פאַרלאָרן. אינ׳ם פּול־יאָר, וואָס האָט זיך געענדיקט יולי 15טן׳ איז פאַרקויפט גע־ וואָרן פון אים גענוג ווייץ אויף די הע־ כערע פּרייזן, צו דעקן די שפּעטערדיקע פאַרלוסטן.

די "מייל ענד עמפּייר" מעלדעט אויך, אז ענדריו קעירנס, סטאַטיסטיקער פונ׳ם פּול׳ איז איצט אין אָטאַוואַ, וואו ער גרייט צו זיין פּאַספּאָרט פאַר א רייזע קיין סאָוועט רוסלאַנד, וואו ער קלייבט זיך צו צו שטודירן די ווייץ לאַגע און אויסגעפינען, אויב דאָס סאָוועטן־לאַנד ווערט אן ערנסטער פאַקטאָר אויפ׳ן איי־ ראָפּייאישן ווייץ־מאַרק.

7 טויט, 11 פאַרוואונדעט אין עקסידענטס אין און ארום וויניפּעג

זיבן נפשות האָבן פאַרלאָרן זייערע לעבנס אין פאַרשיידענע אומגליקס־פאַלן, וואָס עס זיינען פאָרגעקומען דעם וואָך־ ענד אין מאַניטאָבאַ. אנדערע דריי מענ־ שען זיינען שווער פאַרוואונדעט געוואָ־ רען און נאָך אכט נפשות ליגן אין וויני־ פּעגער שפּיטאָלן ווי א רעזולטאַט פון פאַרשיידענע עקסידענטן.

די טויטע זיינען : האַמפּרעי ג. האַרט׳ 66 האַלעט סטריט, איז דער׳הרג׳עט גע־ וואָרן ווען דער אויטאָמאָביל אין וועלכן ער איז געפאָרן האָט זיך איבערגעקערט ארום פּאָפּלאַר פּאָינט, מאַניטאָבאַ. זיין פרוי וועלכע איז מיט אים מיטגעפאָרן, האָט זיך איבערגעבראָכן א פוס, און זי ליגט א שווער פאַרוואונדעטע אין שפּי־ טאָל. זייער זון וואָס איז מיט זיי מיטגע־ פאָרן איז ארויס א ניט צעשעדיקטער.

הערבי ברון, א דרייצן יאָריקער אינגל, פון 7 דרעזדען סטריט, איז דער׳הרג׳עט געוואָרן אין סענפאָרד, מאַנ., ווען אן אוי־ טאָמאָביל האָט אים אומגעוואָרפן פון זיין וועלאָסיפּעד.

לעאָנאַרד קופּער, 1130 וויניפּעג עוועני׳, איז דערטרונקען געוואָרן באָדנדיק זיך אין גיל לייק מאַניטאָבאַ.

מרס. דזש. סי. דריס, פון 32 בעל־ מאָראַל פּלייס, וויניפּעג, און מר. בענעט, איר שוואָגער׳ זיינען דערטרונקען געוואָ־ רען נעכטן בייטאָג אין "סעווען סיסטערס פאַלס" וויניפּעג ריווער. זיי האָבן ארומ־ געשפּאַצירט אויף די בערג און זיי האָבן זיך אראָפּגעגליטשט אין וואַסער. א דריי־ טער, וועלכער איז אריינגעפאַלן מיט זיי צוזאַמען האָט באַוויזן צו ראַטעווען זיך. זיי־ ערע קערפּערס זיינען נאָך דערווייל ניט געפונען געוואָרן.

אַרטור ווענייבלס און פרעד ביילי, 20 יאָר אַלט פון ברענדאָן, זיינען דער׳הרג׳־ עט געוואָרן ווען זייער אויטאָמאָביל האָט זיך צוזאַמענגעשטויסן מיט א טראָק ארום האַמיאָטאַ.

ג. סידזשאַרסאָן, א גראָסערי סיילסמאַן פון 668 בענינג סטריט און אַלבערט ווי־ ליאַמסאָן פון 438 וויקטאָר סטריט זיי־ נען שווער פאַרוואונדעט געוואָרן אין אויטאָמאָביל עקסידענטן.

נאָך עלף נפשות, פון זיי איניקע פרויען, זיינען פאַרוואונדעט געוואָרן אין פאַרשיידענע אומגליקס פאַלן.

אמעריקאַנער סענאַטאָר פאָדערט ענדערונג אין טאַריף געזעץ

וואַשינגטאָן, אווג. 4. — סענאַטאָר סוואַנסאָן, פאַרלאַנגט אן ענדערונג אינ׳ם טאַריף געזעץ, וואָס וואָלט לויט זיין מיינונג געווען דער בעסטער מיטל צו פאַרלייכטערן דעם געדריקטן צושטאַנד וואָס הערשט איצט אין די שטאַטן אין געשעפטן און אגריקולטור. אין זיין דער־ קלערונג, זאָגט דער סענאַטאָר, אז מיט דעם הויכן טאַריף וואָס אמעריקע האָט געשאַפן, האָט זי פאַר זיך פאַרשפּאַרט אלע וועלט־מאַרקעטס.

בנוגע קאַנאַדע האָט זיך סענאַטאָר סוואַנסאָן אויסגעדריקט ווי פאָלגט :

"די קאָנסערוואַטיווע פּאַרטיי האָט גע־ קראָגן דעם קאָנטראָל פון דער רעגירונג און די ליבעראַלן וועלכע האָבן אנגעהאַל־ טען די רעגירונג פאַר ניין יאָר צייט זיי־ נען באַזיגט געוואָרן. די ליבעראַלע רעגירונג האָט אנגעהאַלטן פריינטלאַכע האַנדלס־באַציאונגען מיט די פאַראייניק־ טע שטאַטן, אָבער די קאָנסערוואַטיוון אין קאַנאַדע גלויבן אין הויכע טאַריפן פונקט ווי די רעאַקציאָנערע רעפּובליקאַ־ נער אין אמעריקע. די אויסזיכטן פאַר גינסטיקע האַנדלס באַציאונגען מיט קאַ־ נאַדע זיינען דורך די לעצטע פעדעראַלע וואַלן געשטעלט געוואָרן אין גרויס גע־ פאַר, און קיינער קאָן ניט פאָראויסזאָגן וואָס פאַר א ווירקונג דאָס וועט האָבן אויף דער קאָמערץ און אינדוסטריע אין די שטאַטן.

"גרויס בריטאַניע, וועלכע איז פון לאַנג אן געווען אן אנהייגנער פון פרייען און ליבעראַלן האַנדל, — זאָגט דער סענאַ־ טאָר, — האָט לעצטנס אויך ארויסגעגעבן א פאַרבאָט קעגן דעם אימפּאָרט פון אמע־ ריקאַנער עפּל צו ענגלאַנד׳ שאָטלאַנד, וועילס און צפון אירלאַנד".

סאַסקאַטשעוואַן נעמט אויך איבער נאַטירלאַכע רייכטימער

רעדזשיינע, סאַסק., אווג. 2. — נעכטן זיינען אלע נאַטירלאַכע רייכטימער פון סאַסקעטשעוואַן אָפיציעל איבערגענומען געוואָרן פון דער פּראָווינץ, אין אנקלאַנג מיט׳ן אָפּמאַך דערגרייכט צווישן דער פעדעראַלער און דער פּראָווינציאַלער רע־ גירונג לעצטן מאַרט, און גוטגעהייסן פונם פעדעראַלן פּאַרלאַמענט און פון דער פּראָ־ ווינציאַלער לעגיסלאַטור.

סאַסקעטשעוואַן אָרגאַניזירט איצט איר אייגענעם דעפּאַרטמענט פון רעזורסן, אנ־ האַלטנדיק אָבער די אַלטע פעדעראַלע אנגעשטעלטע.

וויקטאָריאַ, ב. ק., אווג. 2. — צוועלף מיליאָן אַקער פון אייזנבאַן־פּאַס לאַנד. אינ׳ם רייכן פּיס־ריווער געגנט, אין ברי־ טיש קאָלומביאַ, זיינען נעכטן אריבער־ געגאַנגען פון די הענט פון דער פעדעראַ־ לער רעגירונג אין די הענט פון דער פּראָ־ ווינציעלער רעגירונג פון בריטיש קאָלומ־ ביאַ.

—(::)—

אינגעלע דערטרינקט זיך אין ברונים

ביגאַר, סאַסק., אווג. 3. — האַראַלד אַליוועער, 2־יאָריקער זון פון מר. און מרס. ראַלף אַליוועער, פון א פאַרם צען מייל פון דאַנען, האָט זיך דערטרונקען אין ברונים אין הויף פון זיינע עלטערן.

די עלטערן, באַמערקנדיק אז דאָס קינד איז פאַרשוואונדן, האָבן עס אנגעהויבן ארומזוכן און האָבן דערזען, אז דער צו־ דעק פון׳ם ברונים איז אָפן. זיי האָבן דאָס קערפּערל דערנאָך געפונען אינ׳ם וואַסער.

—(::)—

אמעריקאַנער פאַרמערס אויפגעפאָדערט שניידן ווייץ־שטח

אינדיאַנאַפּאָליס, אינד., אווג. 3. — אַלעקסאַנדער לעג, פאָרזיצער פון דער פעדעראַלער פאַרם־ביוראָ, האָט דאָ דער־ קלערט פאַר עקספּערטן פון זעקס שטאַ־ טען, אז די פאַרקלענערונג פונ׳ם שטח פאַרזייט מיט ווייץ אויף 25 פּראָצענט, וואָלט פאַרבעסערט די ווייץ־פּרייזן אויפן וועלט־מאַרק און וואָלט פאַרדאָפּלט די הכנסה פונ׳ם פאַרמער פון זיין ווייץ־ שניט.

די פאָרשטייער פון די שטאַטן האָבן דערקלערט, אז די פאַרמערס האָבן שוין אויף זייער אייגענער איניציאַטיווע אנ־ געהויבן פאַרקלענערן זייערע ווייץ־שט־ חים.

—(::)—

פרעגן אן ביי קעניגן מערי, אויב זי רויכערט סיגאַרעטלאך

ראַקפאָרד, איל., אווג. 3. — דער מאָ־ ראַליטעט דעפּאַרטמענט פון דער היגער "וו. סי. טי. יו." (פרויען אָרגאַניזאַציע) האָט געהערט א באַריכט, אז קעניגן מע־ רי פון ענגלאַנד, רויכערט ציטנוויז סיגאַרעטלאך. די פרומע ווייבער פונ׳ם מאָראַליטעט דעפּאַרטמענט זיינען שאָ־ קירט פונ׳ם באַריכט, און זיי האָבן גע־ קייבלט דער קעניגן :

"מיר האָבן אָפּגעפרעגט דעם באַריכט, אז איר רויכערט סיגאַרעטלאך. ביטע ענטפערט".

—(:־:)—

פּאַסאַזשירן פון "קאָסטיושקאָ" קומען מאָרגן

די פּאַסאַזשירן פון דער שיף "קאָסטיוש־ קאָ" וועלן אָנקומען אין וויניפּעג מאָרגן, דינסטאָג, 7.15 נ. מ. מיט דער סי. ען. אַר.

—(:־:)—

דערשיסט פרוי און באַגייט זעלבסטמאָרד

בירמינגהעם, אַלאַבאַמאַ, אווג. 3. — ראַלף ד. וואודי 24 יאָר אַלט, האָט דער־ שאָסן אויף טויט זיין יונגע פרוי עט־ לאַכע שעה נאָכדעם, ווי זי האָט זיך גע־ ווענדעט צום געריכט נאָך א גט פון אים, און איז אוועק צו איר מוטער. דער יונ־ גערמאַן האָט דערנאָך אריינגעשאָסן זיך אליין א קויל אין קאָפּ און איז געפאַלן א טויטער.

—(:־:)—

צו גאַסט אין שטאָט

מר. און מרס. עליק מיינס און זייערע צוויי קינדער, פון סט. פּאָול, מינ., ברו־ דער און שוועגערין פון מעקס מיינס, זיי־ נען איצט די געסט אין וויניפּעג, ביי זייערע עלטערן.

אנב - אורחא

פון מאַרק

אריינקוקנדיק אינ׳ם שמעלץ טאָפּ

איך האָב אנומלט געזען א קלאַנג־ פילם "קעניג דזשאַז".

דאָס איז ניט קיין בילד, נאָר א סעריע פון בילדלאך פון לייכטערן סאָרט, דורכ־ געפירט פונ׳ם באַוואוסטן דזשאַז־קעניג פּאָול ווהייטמאַן, — וועלכער פאַרדינט אין איין וואָך מער ווי א פּראָפעסאָר פון האַרוואַרד אוניווערסיטעט אין איין יאָר, — און פון זיין דזשאַז קאַפּעליע.

די בילדלאַך האָט געפעלט אינהאַלט, אָבער דערפאַר זיינען זיי געווען רייך און שרייענדיק, און האָבן אזוי גענומען דעם עולם.

ס׳איז געווען דזשאַז, א ליבע־געזאַנג צו קעניג דזשאַז !

* * *

אָבער ניט דאָס איז דער עיקר.

דאָס וויכטיקסטע,— פון מיין שטאַנד־ פּונקט, — איז געקומען צו סאַמע סוף, אין דער פינאַלער סצענע.

אין פּאַבלהאַפט רייכע און באַצוי־ בערנדיקע אויסשטאַטונגען האָבן אנגע־ הויבן דערשיינען איינע נאָך דער אנדע־ רער פאַרשיידענע נאַציאָנאַלע גרופּעס, וואָס האָבן געגעבן מוסטערן פון די פיינ־ סטע פּערל פון זייער פאָלקס־קונסט. עס האָבן זיך געהערט די באַצויבערנדיקע טע־ נער פון איטאַליענישע, אונגאַרישע, רו־ סישע, פראַנצויזישע און א. וו. פאָלקס מעלאָדיעס.

און אין הינטערגרונט — א גרויסער קאָכעדיקער קעסל, דער סימבאָל פונ׳ם אמעריקאַנער שמעלץ־טאָפּ.

און איינער נאָך דעם אנדערן ווערן איינגעשלונגען די אידעאַלע טענער פון די פאָלקס־לידער, צוזאַמען מיט די זינגער, פונ׳ם קעסל.

און פונ׳ם קעסל גייט דערנאָך, הייסט עס, ארויס דאָס יונגע מוזיק, זאָרגלאָ־ זע אמעריקע, — פון די צעשמאָלצענע לידער קומט ארויס :

— דזשאַז !

* * *

עס איז דאָ אן אנגענומענע מיינונג, אז דזשאַז, ווי אן אמעריקאַנער איינג־ אַרטיקע "קונסט", איז געשאַפן געוואָרן פון די אמעריקאַנער נעגערס.

דער שאַפער פונ׳ם לאַזיקן פילם, וועמעס אַבזיכט עס איז געווען צו גלאָריפי־ צירן דעם קעניג דזשאַז, האָט אָבער די דאָזיקע מיינונג אָפּגעוואָרפן ווי אן אומ־ ווירדיקע און אומ׳כבוד׳יקע פאַר דער געהויבענער אמעריקאַנער "קונסט".

ער האָט זיך דערגריבלט צו אן אנדער יחוס־בריוו פאַר דזשאַז, א מער בכבוד׳־ יקן, א ווייס־אמעריקאַנישן :

דעם שמעלץ־טאָפּ.

און איך בין גרייט אנצונעמען זיין טעאָריע, — ווייל —

ווייל מיר געפעלט אויך, אז דזשאַז מוז האָבן אזא מין ממזר׳ישן אָפּשטאַם . . .

* * *

יע׳ ס׳איז דער שמעלץ־טאָפּ.

ס׳איז דער שמעלץ־טאָפּ, וואָס איז ניט בכח צו צעקאָכן די פיינע, איידעלע מע־ טאַלן, די גאָלד, די זילבער, די פּלאַטי־ נום׳ וואָס נויטיקן זיך אין זייער א הוי־ כער טעמפּעראַטור פאַר זייער צעשמעל־ צונג.

ס׳איז דער שמעלץ־טאָפּ, וואָס צע־ מישט בלויז אלץ אין א קאַשע, אָבער צעקאָכט עס ניט.

א טאָן פון דאַנען, א האַלבער טאָן פון דאָרטן. א ניט דערזונגענער געשריי, א ניט־אויסגעזונגענער מרוק פון א בהמה, א ביל פון א הונט, א טרומייטעריי פון א האָרן; א ברעקל פון דאַנען, א ברעקל פון דאָרטן :

— דזשאַז !

* * *

איך, ווי אנדערע פאַראינטערעסירטע אין דעם ענין, קוק זיך שוין לאַנג צו צו דער אַרבעט פונ׳ם אמעריקאַנער שמעלץ־ טאָפּ.

און איך האָב שוין גאַנץ לאַנג באַ־ מערקט, אז דער שמעלץ־טאָפּ שמעלצט ניט, נאָר ער מישט בלויז אין א פאָרמ־ לאָזער קאַשע, פון וועלכער יעדער טייל איז פאַרט בעמיש און אָרגאַניש ניט פאַר־ בונדן מיט׳ן צווייטן.

יעדער טייל פאַרלירט זיין אייגנאַרטי־ קייט׳ די פיינקייט פון זיין כאַראַקטער, אָבער קריגט ניט קיין אנדער אייגנאַרטי־ קייט, קיין אנדער כאַראַקטער.

און עס קומט ארויס :

— א דזשאַז קאַקאָפאָניע !

* * *

אונז זיינען אמבעסטן באַקאַנט די דורכגעקאָכטע אינ׳ם שמעלץ־טאָפּ אידן, — אנדערע פעלקערשאַפטן שאַפן מס־ תמא אונטער די זעלבע אומשטענדן דעם זעלבן "פּראָדוקט".

וואָס פאַר א פּראָדוקט !

אָפּגעריסן פון אלע אַלטע קולטורעלע טראַדיציעס פונ׳ם אייגענעם פאָלק, — און פונ׳ם שמעלץ־טאָפּ אויפגעכאַפּט בלויז דאָס אויבערפלעכלעכע, דאָס שרייענדיקע, דעם שוים . . .

די גאַנצע אידישקייט באַשטייט בלויז פון לאָיאַליטעט צו דער אידישער ספּאָרט טים׳ און אין פרייען זיך מיט׳ן זיג פונ׳ם אידישן מאָרדע־קלאַפּער קעגן דעם גויאי־ שען.

דאָ און דאָרטן אָפּשר א שמעק "ציי־ אָניזם" פון יענעם ספּעציפישן אמעריקאַ־ נער סאָרט, וואָס איז אליין א פאָרמע פון דזשאַז.

און פון דער רייכער גויאישער קולטור וויסן זיי אויך בלויז פונ׳ם שוים, — סטאַנדאַרד אָף ליווינג, ספּאָרט, באַרוי־ שונג פון העלע ליכט, און :

דזשאַז !